# פרשת ראה כ"ד – ל' אב תשע"ה לפ"ק

***יום שני פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית בארוזה יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו למדינת אונגארן, להשתטח על קברי אבות (במיוחד לרגל היארצייט של חותנו כ"ק הגה"צ רבי משה מרדכי פאללאק זצוק"ל אב"ד וואדקערט, בעל פרי משה, שנסתלק ביום ז"ך אב תש"ט לפ"ק, ומנו"כ בעיר וואדקערט יצ"ו), ואצל קברי שאר הצדיקים אשר בארץ המה, להעתיר בעדו ובעד כל קהל עדת מרעיתו, להפקד בדבר ישועה ורחמים. - בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לעיר בודאפעסט, והתפלל תפלת מנחה ומעריב בבית המדרש בעיר.

*

***יום שלישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית בבית המדרש בבודאפעסט נסע **רבינו שליט"א** לעיר בעסערמין (קברי אבות מבית חמותו ע"ה). משם נסע לראצפערט – ציונו של **הגה"ק רבי נפתלי הירצקא מראצפערט זי"ע**. קאלוב – ציונו של **הגה"ק רבי יצחק אייזיק מקאלוב זי"ע**. סעמיהאלי – קברי אבות: **הגה"ק רבי יהודא גרינפעלד זי"ע אב"ד** סעמיהאלי בעל **קול יהודא** (חותנו של הגה"צ רבי ישעי' פאללאק זצוק"ל אב"ד וואדקערט), ובנו **הגאון המהרש"ג מסעמיהאלי זצוק"ל**. קערעסטיר – ציונו של **הגה"ק רבי ישעי' מקערעסטיר זי"ע**. ליסקא – ציונו של **הגה"ק רבי צבי הירש מליסקא זי"ע** בעל **אך פרי תבואה**. אוהעל – ציונו של **הגה"ק בעל ישמח משה זי"ע, והרה"ק רבי סענדר מקאמארנא זי"ע**. מאד – קברי אבות: ציונו של **הגה"ק בעל קול אריה זי"ע**, ובניו אחריו. וציונו של **הגאון בעל לבושי מרדכי ממאד זצוק"ל**.

אחר אמירת תהלים בבית החיים עמד **רבינו שליט"א** להתפלל תפלת מנחה במקום שהתפללו אבותיו, בהיכל בית הכנסת הגדול בעיר מאד, העומד על תילה בתפארתה. אחר כך חזר לעיר בודאפעסט.

*

***יום רביעי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית בבודאפעסט נסע **רבינו שליט"א** לעיר פרעשבורג לשפוך שיח על ציון קדשו של מרן **החתם סופר זי"ע**. אחר אמירת תהלים לזמן ממושך ברגש קודש הלך **רבינו שליט"א** להבית החיים החדש בעיר פרעשבורג, אצל ציונו של **הגה"ק בעל כתב סופר זי"ע**, ובניו אחריו, ושאר גאוני דורו.

משם נסע לעיר סערדאהעלי – ציונו של **הגה"ק מהר"י אסאד זי"ע**, ומקום מנוחת זקינתו הרבנית מינדל ע"ה (אשת הגה"ק מסערדאהעלי זי"ע הי"ד, בתו של הגה"ק משאמלויא זי"ע הי"ד).

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לעיר וואדקערט להתפלל על ציון חותנו **כ"ק הגה"צ אב"ד וואדקערט זצוק"ל** ביומא דהילולא. **רבינו שליט"א** אמר פרקי תהלים ליד האוהל שעל קברו למשך זמן. אחר כך חזר לעיר בודאפעסט והתפלל תפלת מנחה ומעריב בבית המדרש בעיר.

*

***יום חמישי פרשת ראה***

אחר תפלת שחרית בבודאפעסט יצא **רבינו שליט"א** לשדה התעופה בדרכו חזרה לעיר ניו יארק. בשעות המאוחרות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** למעונו בקעמפ ונתקבל בשירה וזמרה על ידי בחורי הישיבה, שעברו לברכת שלום.

*

***שבת קודש פרשת ראה***

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **יודל באדאנסקי** שליט"א לשור הפיוט אליהו הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק בעל אהבת ישראל מויזניץ זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). אחר הסיפורים מסר המנהל הרב רבי **פישל לעווי** שליט"א **לרבינו שליט"א** מתנה מאת בחורי ישיבתנו הק', '**אלף ושבע מאות וששים**' שעות רצופות, שנלמדו בעת שהות **רבינו שליט"א** באייראפע. בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל ראאב** הי"ו.

## פרשת שופטים א׳ – ז׳ אלול תשע״ה לפ״ק

***יום ראשון פרשת שופטים***

בשעות אחר הצהרים ביקר **רבינו שליט״א** במחנינו עדת יראים בפארקסוויל. ילדי המחנה קיבלו את פני **רבינו שליט״א** בשירה ובזמרה, ונכנסו לבית המדרש למסיבת קבלת פנים. המנהל הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט״א, קידם את **רבינו שליט״א** בברכה, וכיבד את הרב **יוסף דוד אונגער** שליט״א (סגן מנהל) לישא מדברותיו. אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש.

***וזה תוכן השיחה:***

**איך** וויל באגריסן די חשובע קינדער, און די טייערע בחורים וואס געפונען זיך דא. מען האלט שוין ביים סוף פונעם זומער, איך האף אז יעדער איינער האט אויסגענוצט דעם זומער, און מען האט זיך צוזאמגעקליבען פרישע כוחות אויף שפעטער. דער אייבערשטער זאל געבן, אז עס זאל זיין ווייטער מיט אסאך הצלחה.

**מען** געפונט די וואך אין די פרשה, אז די תורה הק׳ זאגט, אז א מלך האט געדארפט שטענדיג האבען מיט זיך א ספר תורה. וכתב לו את משנה התורה הזאת, ער האט געדארפט שרייבען צוויי ספרי תורות, איין ספר תורה האט ער אוועקגעלייגט בבית גנזיו, ביי זיך אין ארון קודש, און איין ספר תורה איז געווען צוגעבינדען צו אים, און ער האט עס מיטגענומען מיט זיך ווי ער איז געגאנגען. וקרא בו כל ימי חייו (דברים יז-יח), און ער זאל ליינען אין די ספר תורה, אלע זיינע טעג וואס ער לעבט. א מלך איז געווען זייער פארנומען, א מלך האט געדארפט פירן די גאנצע לאנד, און אלע מלחמות און אלע פראבלעמען וואס איז געווען אין די מדינה. די פרנסה וואס האט אויסגעפעלט, איז אויך געלעגן אויפן קאפ פונעם מלך. און פון דעסטוועגן דאך, כאטש ער איז געווען אזוי פארנומען, האט די תורה געזאגט, אז ער מוז האבען מיט זיך שטענדיג א ספר תורה. און נישט נאר איינס ווי יעדער יוד, נאר ער דארף האבען צוויי. וקרא בו כל ימי חייו, און ער דארף שטענדיג זיין צוגעבינדען צו די תורה. עס איז נישט קיין נפקא מינה וואס פארא ארבעט ער האט אויף זיך, מוז ער זיין צוגעבינדען צו די תורה.

**דער** הייליגער **חתם סופר** זאגט, ׳וקרא בו׳, פון די תורה הק׳ קען א יוד אפליינען, ׳כל ימי חייו׳ אלע זיינע טעג וואס ער לעבט, ווי אזוי ער דארף זיך צו פירן. א מלך האט געדארפט האבען אסאך ערליי הדרכות און עצות, פאר די פראבלעמען וואס מאכן זיך. זאגט די תורה הק׳, אז אין די תורה וואס ער וועט שרייבען פאר זיך, וועט ער קענען געפונען א לעזונג פאר אלע זיינע פראבלעמען וואס ער דארף. ׳וקרא בו׳, ער קען אויסליינען אין די תורה, ׳כל ימי חייו׳, אלע טעג וואס ער לעבט.

**די** מפרשים שטעלן זיך, אז ער הייבט אן, אז די ספר תורה ווערט אנגערופן מיט א לשון נקיבה, ספר התורה ׳הזאת׳. און נאכדעם זאגט ער, וקרא ׳בו׳ כל ימי חייו, ׳בו׳ איז א לשון זכר. עס וואלט געדארפט שטיין, וקרא ׳בה׳, ער זאל ליינען אין איר, אין די ספר תורה, כל ימי חייו. פארוואס זאגט די תורה וקרא ׳בו׳, א לשון זכר.

**עס** קען זיין אז דער פשט דערפון איז, מען זאגט יעדן טאג ביי קריאת שמע, ואהבת את ה׳ אלקיך (דברים ו-ה), מען דארף ליב האבען דעם אייבערשטען. און די גמרא (יומא פו.) זאגט, אהבהו על הבריות, עס איז נישט גענוג אז א יוד איז מקיים די תורה, און ער פירט זיך ערליך, נאר א יוד דארף זיך אזוי אויפפירן, אז מען זאל באליבט מאכן די תורה אויף מענטשן. ווען ער לערנט, און ער פירט זיך אויף ערליך, און ער פירט געשעפטן ערליך, און זיין דיבור איז בנחת עם הבריות, ווען ער רעדט צו איינעם רעדט ער איידל, וואס זאגען מענטשן, וואויל איז פאר דעם קינד וואס האט געלערנט תורה, וואויל איז פאר זיין טאטע און מאמע, וואויל איז פאר זיין רבי וואס האט אים געלערנט תורה, אזוי דארף מען זיך פירן. ווען עס איז פארקערט, אז ער רעדט נישט איידל, און ער פירט זיך נישט אויף איידל, דעמאלטס טוט ער מרחק זיין די תורה. מען זאגט, ווי איז פאר זיינע עלטערן וואס האבען אים אזוי מגדל געווען, ווי איז פאר זיין רבי וואס האט אים אזוי געלערנט. ואהבת את ה׳ אלקיך, א יוד דארף באליבט מאכן דעם אייבערשטענ׳ס נאמען, ווי אזוי ער פירט זיך אויף.

**אבער** עס איז דא נאך א העכערע מדריגה פון דעם. א צדיק וואס פירט זיך ערליך, און אלע זיינע מעשים זענען אויסגעהאלטן על פי תורה, דארף מען נישט האבען א ספר תורה, פון ווי מען זאל זיך לערנען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, נאר ווען מען קוקט אן דעם מלך, וואס איז געווען דער גרעסטער אין כלל ישראל, און ער פירט זיך על פי תורה, האט מען געקענט אפליינען אינעם מלך, די גאנצע תורה. ווען מען האט געזען ווי אזוי ער טוט אן תפלין, האט מען געוואוסט ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן מיט די תפלין. ווען מען האט געקוקט ווי אזוי ער דאווענט, האט מען געוואוסט ווי אזוי מען דארף דאווענען. ווען מען האט געקוקט ווי אזוי ער פירט זיך אויף שבת, האט מען געוואוסט ווי אזוי א שבת דארף אויסקוקען. פון א מלך וואס איז געווען די העכסטע ביי יודען, האט מען פון אים אליין זיך געדארפט אראפלערנען די וועגן פון די תורה.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז דער אייבערשטער האט געהייסען מען זאל בויען א משכן, ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם, ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן ואת תבנית כל כליו, וכן תעשו (שמות כה-ח), מען זאל טון ווי אזוי דער אייבערשטער האט געוויזען צו בויען די משכן. שטייט אין הייליגע ספרים, א יעדער יוד איז א משכן פארן אייבערשטען. ושכנתי בתוכם, דער אייבערשטער רוהט נישט נאר אין דעם משכן אליין, נאר דער אייבערשטער רוהט בתוך כל אחד ואחד מישראל, אין א יעדן יוד. אז מען מאכט נאך די כלים וואס איז געווען אין משכן, עס איז דא א ארון וואס אין דעם איז דא די תורה, און עס איז דא א שלחן וואס איז לפני ה', עס איז דא א מנורה הטהורה, וואס איז נר מצוה ותורה אור, עס איז דא א מזבח מיט מסירת נפש, קען יעדער יוד זיך מאכן פאר א משכן פארן אייבערשטען. ככל אשר אני מראה אותך את תבנית המשכן, אזוי ווי איך ווייז דיר דעם פארעם פונעם משכן, וכן תעשו, אזוי זאלט איר טון.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים נאך מער, אז דער אייבערשטער האט געזאגט, אז משה רבינו איז דער פארעם פונעם משכן. מען זאל אנקוקען משה רבינו, ווי אזוי ער פירט זיך, וועט מען וויסען ווי אזוי מען דארף צו זיין ערליך. ככל אשר אני מראה 'אותך', אזוי ווי איך ווייז 'דיר', ווי אזוי דו, משה רבינו, זעהסט אויס, וכן תעשו, אזוי זאל מען נאכטון.

**זאגט** די תורה הק' ביי די פרשה פונעם מלך, עס איז נישט גענוג אז דער מלך וועט שרייבען א ספר תורה, און ער וועט לערנען אינעם ספר תורה, נאר דער מלך דארף זיך אזוי אויפפירן, אז ווען מען וועט אנקוקען דעם מלך, זאל מען קענען ארויסליינען פונעם מלך אליין, ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן. וקרא 'בו', מען זאל קענען לייגען אין דעם מלך, כל ימי חייו. ווען מען וועט וועלן וויסען ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן, זאל מען קענען אנקוקען דעם מלך, און זאגען אז דאס איז דער וועג ווי אזוי מען דארף זיך צו פירן.

**און** דאס איז די עבודה פון א יודיש קינד, א יוד דארף האלטן די תורה, און מקיים זיין די מצות פון די תורה, אבער ער דארף צוקומען צו א מדריגה אז 'וקרא בו כל ימי חייו', **אז ווען מען וועט אנקוקען א בחור אדער א קינד ווי אזוי ער פירט זיך אויף, זאל מען קענען זאגען, יא, דאס איז די ריכטיגע וועג, און אזוי דארף מען זיך פירן. ווי אזוי ער רעדט, אזוי דארף מען רעדן. ווי אזוי ער עסט, אזוי דארף מען צו עסן. ווי אזוי ער לייגט זיך שלאפן, אזוי דארף זיך א יוד לייגען שלאפן.** א יוד דארף זיך אזוי אויפפירן אז וקרא בו, מען זאל קענען אראפלערנען פון זיין הנהגה ווי אזוי ער פירט זיך, כל ימי חייו, ווי אזוי מען דארף לעבן.

**מען** האט פריער געהערט פון די חשובע מנהלים וואס האבען אראפגעלייגט ווי שיין די קעמפ איז, ווי אזוי מען לייגט אריין אזויפיל ליבשאפט צו תורה, און שמחת התורה. ווי אזוי עס קוקט אויס א שבת, און א דאווענען, ביי די קינדער. איך שטעל מיך פאר אז א גאנץ יאר קוקט עס נישט אויס אזוי ווי עס קוקט אויס אין קעמפ. אבער די קעמפ איז א סעמפל זיך אראפצולערנען ווי אזוי מען דארף זיך פירן אינדערהיים. **וואס מען האט געזעהן דא אין קעמפ, ווי אזוי דאס דאווענען האט דא אויסגעקוקט, ווי אזוי די שבתים האבען דא אויסגעזען, דארף מען דאס מיטנעמען מיט זיך, און עס איבערפלאנצען אין די שטאט.**

**עס** איז חודש אלול, עס איז א זמן וואס יעדער יוד פראבירט צו שטייגען. **ווען מען גייט אהיים זאל מען מיטנעמען און געדענקען אז די שבתים אינדערהיים זאלן אויסקוקען די זעלבע ווי אין קעמפ. פונקט ווי מען האט דא שיין גוזינגען, אזוי דארף מען זינגען אינדערהיים אויך. פונקט ווי מען האט גדאווענט דא ערליך, מען איז נישט ארומגעגאנגען, נאר מען איז געשטאנען אויף איין פלאץ, אזוי דארף מען דאווענען אינדערהיים אויך. עס איז דער זעלבער רבונו של עולם דא און אין די שטאט, איבעראל דארף זיך א יוד צושטעלן די זעלבע אזוי ווי עס פאסט. מען דארף מיטנעמען וואס מען האט זיך אנגעזאפט דא אין קעמפ.** עס שטייט אין הייליגע ספרים, לכו בנים, ווען מען גייט אהיים, דעמאלטס שמעו לי יראת ה' אלמדכם (תהלים לד-יב), עס איז נישט גענוג ווען מען קומט אין קעמפ, און דעמאלטס פירט מען זיך ערליך, נאר מען דארף עס מיטנעמען מיט זיך ווייטער אויך. זאל דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל ווייטער שטייגען אין תורה און יראה און אין עבודת ה', און עס זאל ארויסקומען א כבוד שמים.

**איך** האב באמת א הכרת הטוב פאר די הנהלה גשמי און די הנהלה רוחני, און בעיקר פאר רבי שמואל דוד פישער וואס לייגט אריין אזויפיל צייט און כח און מוח אז אלעס זאל זיך פירן ווי עס דארף צו זיין. זאל זיי דער אייבערשטער געבן, אז זיי זאלן קענען ווייטער אויך האבען הצלחה אין זייער עבודה, און זעהן אסאך שמחות און נחת אין די אייגענע שטוב, מתוך שמחה וטוב לבב, און האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

עם סיום המסיבה עבר **רבינו שליט"א** לבית המדרש של כיתה ט', והתפלל עמהם תפלת מנחה. אחר מנחה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן השיחה:***

**באמת** **ווייסען בחורים נישט צו שאצן די חשיבות פון זייערע יונגע יארן. יעצט ווילאנג מען איז יונג, האט מען די שענסטע יארן. יעצט שטעלט מען זיך אויף די פוס. ווי אזוי עס וועט אויסקוקען ענקערע קומענדיגע פאר יאר, אזוי וועט מען בלייבען דאס גאנצע לעבן שפעטער. אויב מען נעמט אויף זיך יעצט עול תורה, עול מצות, דאווענען, און לערנען, ארבעטן אויף מדות טובות, וועט מען דאס האבען מיט זיך שטענדיג. מען ענדיגט יעצט כתה ט', בחורים גייען אריין די קומענדיגע זמן לערנען אין די ישיבות, דארף מען וויסען, די חשיבות פון די טעג וואס מען קען זיין אין ישיבה, און מען קען זיך דערהייבען אין תורה און אין עבודה. און וואס מען קויפט יעצט איין, מיט דעם וועט מען בלייבען שפעטער. און פארקערט אויך, אסאך מאל ווייל מען האט אוועקגעפאטשקעט די יונגע יארן, און מען איז נישט אויסגעשטיגען ווי מען דארף, ליידט מען דערפון דאס גאנצע לעבן שפעטער. אבער אז מען איז זוכה לכתרה של תורה, מען לערנט פלייסיג און מען שטייגט אויס, אז מען פארשטייט לערנען, און מען חזר'ט וואס מען לערנט, און מען קען איין מסכת נאך די צווייטע, האט מען נאכדעם א לעבן וואס איז מלא תוכן, מלא אינהאלט, אין תורה און עבודת ה'.**

**די** תורה הק' זאגט די וואך, צדק צדק תרדוף, דו זאלסט נאכיאגן צדק, למען תחיה, כדי דו זאלסט לעבן, וירשת את הארץ (דברים טז-כ). תורה ווערט אנגערופן צדק, אזוי שטייט אין די גמרא (חולין פט.), מה אומנתו של אדם בעולם הזה, וואס איז די אומנות פון א מענטש אויף די וועלט, יעשה עצמו כאלם, ער זאל זיך מאכען ווי א שטומער, ווי איינער וואס קען נישט רעדן. ווייל אויב מען רעדט, ברב דברים לא יחדל פשע (משלי י-יט), אז מען היט זיך נישט דאס מויל פון רעדן, ווערט מען סוף כל סוף נכשל אין אן איסור. און די אומנות פון א מענטש איז, יעשה עצמו כאלם, אז ער זאל זיך מאכן ווי א שטומער וואס קען נישט רעדן. האמנם אלם (תהלים נח-ב), דרשנ'ט די גמרא, 'האמנם' דאס איז אומנות, 'אלם' מען זאל זיין ווי א אלם. יכול אף לדברי תורה, אפשר ווען עס קומט צו דברי תורה זאל ער אויך זיין שטום, תלמוד לומר, שטייט אין פסוק (שם), צדק תדברון, תורה זאל מען רעדן. זעהט מען אז תורה ווערט אנגערופן צדק.

**תפלה** ווערט אויך אנגערופן צדק, עס שטייט אין די גמרא (ברכות יד.) אז מען טאר נישט ארויסגיין

טון אן ארבעט, און מען טאר נישט ארויסגיין אויפן וועג צופרי, ביז מען דאווענט נישט. די ערשטע זאך ביי א יוד צופרי, דארף זיין תפלה, אזוי שטייט אין פסוק (תהלים פה-יד) צדק לפניו יהלך, קודם זאל גיין פאר אים א תפלה, וואס די תפלה זאגט רש"י איז מצדיקו לקונו, מיט דעם טוט ער זיך אויסגראדן מיטן אייבערשטען, און נאכדעם וישם לדרך פעמיו, נאכדעם זאל ער גיין אונטערוועגענס. זעהט מען אז תפלה ווערט אנגערופן צדק.

**צדק** צדק תרדוף, די צוויי צדק'ס דארף א יוד שטענדיג נאכיאגן, צדק פון תורה, און צדק פון תפלה, זמן תורה לחוד וזמן תפלה לחוד (שבת י.), בשעת עס קומט דער זמן פון לערנען דארף מען ליגען אין לערנען, און ווען עס קומט דער זמן פון תפלה דארף מען ליגען אינעם דאווענען. **מען דאווענט נישט ווייל מען דארף דאווענען, ווייל מען שטייט אויפן קאפ צו דאווענען, ווייל עס איז דא א מצוה צו דאווענען, נאר מען דארף דאווענען ווייל עס דאווענט זיך פון זיך אליין, מען דארף דאווענען ווייל א יוד דארף זיך אויסגיסן זיין הארץ פארן רבונו של עולם, און נאנט ווערן צום אייבערשטען, וואס דאס איז אין די צייט וואס א יוד דאווענט.** צדק צדק תרדוף, דו זאלסט נאכיאגן די צוויי צדק'ס, לערנען און דאווענען, למען תחיה, דעמאלטס וועסטו קענען לעבן, דעמאלטס וועט דיין לעבן האבען אן אינהאלט און א חשיבות, דורך דעם וואס דו ביסט געשטיגען אין תורה און אין תפלה.

**און** די צווייטע עבודה וואס א יוד דארף טון איז אינעם עסן. נישט ליגען אין גשמיות, מען דארף עסן, מען דארף האבען כח, אויב מען האט נישט קיין כח קען מען נישט דינען דעם אייבערשטען. דער גוף דארף זיין געזונט, כדי צו קענען דינען דעם אייבערשטען. אבער מען ווייסט פון הייליגע ספרים, אז די עסן איז אויך אן עבודה פארן אייבערשטען, כדי מען זאל האבען כח. און די כוונה דארף א יוד מכוון זיין פאר ער גייט עסן זיין פרישטאג און זיין מיטאג, אז איך עס כדי איך זאל זיך נאכדעם קענען אראפזעצן לערנען, און קענען דינען דעם אייבערשטען.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז צוויי מאל 'צדק', באטרעפט 'שלחן'. צדק צדק תרדוף, תורה און תפלה, און ווי אזוי דער שלחן זאל אויסקוקען, ווי אזוי דאס עסן זאל זיין, תרדוף, דאס אלעס דארף מען נאכיאגען, למען תחיה, דעמאלטס איז מען זוכה צו לעבן.

**דער** אייבערשטער זאל געבן, אז מען זאל קענען שטייגען אין תורה און אין עבודת ה', דינען דעם אייבערשטען, און אויסנוצען די יונגע יארן וואס מען האט, אז עס זאל נישט גיין פארפאלען. אז מען האט אויסגעבעט די יונגע יארן ווי עס דארף צו זיין, נעמט מען עס מיט, מיט זיך אויף שפעטער אויך. זאל מען האבען הצלחה אין תורה און אין עבודת ה', און האבען א כתיבה וחתימה טובה, און א גוט געבענטשט יאר, און זיך צוזאמקומען שטענדיג מתוך שמחה וטוב לבב.

*

***<u>יום שני פרשת שופטים</u>***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הרה"ג רבי לייבוש טייטלבוים זצ"ל** דומ"ץ דביהמ"ד ויואל משה סאטמאר (וומסבו"ג).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** די לעצטע יאר [בהיותו בתוך שנתו לאמו] האט ער יעדע נאכט געדאווענט מעריב פארן עמוד ביי אונז אין בית המדרש. שייף עייל שייף נפיק ולא מחזיק טיבותא לנפשיה. יעדער האט נאר א גוט ווארט אויף אים.

**אחיו הרה"ג רבי יקותיאל שליט"א רה"כ צעהלים:** ער איז געווען אן איש תם וישר, דאס איז די גרעסטע טיטל אויף א מענטש.

**רבינו:** יעקב איש תם (בראשית כה-כז). אין **דברי יחזקאל** שטייט, איש תם, ער איז געווען א בעל הבית אויפן תמימות.

**אחיו הרה"ג רבי יוסף שליט"א אב"ד נעפלימיץ:** די וואך אין די פרשה זאגט רש"י אויפן פסוק תמים תהיה עם ה' אלקיך, התהלך עמו בתמימות ולא תחקור אחר העתידות.

**רבינו:** עס איז דא א ווארט פונעם **בעלזער רב**, אז ער האט געזאגט אויף די ארבעה בנים, אז דער שאינו

יודע לשאול שניידט אפ בעסער פון אלע. ער גייט בתמימות, ער ווייסט נישט, און ער פרעגט נישט.

**אב"ד נעפלימיץ:** דער רב פלעגט ארויפקומען צום טאטן (**הרה"ג רבי אלחנן טייטלבוים זצ"ל**) אין שטוב.

**רבינו:** אלץ קינד האבן מיר געלערנט צוזאמען אין איין כתה אין קעמפ (מחנה רב טוב), און יעדן שבת פלעג איך ארויפגיין צום טאטן אין שטוב, און ער פלעגט מיך זייער מקרב זיין.

**בנו הרב שלום שליט"א** (בני ברק): דער טאטע פלעגט אסאך נאכזאגען פון שמן ראש.

**רבינו:** יגדיל תורה ויאדיר.

### ונסוב השיחה אודות הליכה בפיאות ארוכות בראשית השנים באמריקא

**הרה"ג רבי ברוך זינגער שליט"א, ר"י אלכסנדר:** דער **פאלטושענער רבי, רבי אלעזר טווערסקי זצ"ל**, האט נאכגעזאגט א ווארט פונעם **בעלזער רב, רבי ישכר דוב**, אז אין פרשת וישלח שטייט, אז עשו האט געפרעגט מי אלה לך, ויאמר הילדים אשר חנן אלקים את עבדך, און נאכדעם האט ער נאכאמאל געפרעגט, מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי, האט יעקב געזאגט למצוא חן בעיני אדוני (בראשית לג-ה). האט ער געזאגט, קודם האט עשו געזעהן די קינדער פון דערווייטענס, האט ער געפרעגט מי אלה לך, האט יעקב געענטפערט, הילדים אשר חנן אלקים את עבדך. אבער ווען עשו איז געקומען נענטער, און ער האט געזעהן די קינדער מיט די לאנגע פאות, האט ער געפרעגט, מי לך כל המחנה הזה אשר פגשתי, ה'זה א'שר פ'גשתי, איז די ר"ת פא"ה, האט יעקב געזאגט, למצוא חן בעיני אדוני, אזוי געפעלט מען אין דעם רבונו של עולם'ס אויגן.

**רבינו:** פונעם **שינאווער רב** זאגט מען נאך אז ער האט נישט געהאלטן פון לאנגע פיאות[א], און אין בעלזא האט מען געזאגט אז עס איז א סגולה פאר יראת שמים.

**ר"י אלכסנדר:** ווען **רבי ישכר דוב** איז געווארן א חתן אין טשערנאביל, האט ער געהאט לאנגע פיאות, און אין טשערנאביל איז מען געגאנגען ארויפגעדרייט, כדי עס זאל נישט זיין צוזאמען מיט די בארד. און דער עלטער שווער, **רבי אהרן טשערנאבלער** האט אים געזאגט, אז פאר א יעדע ביסל יראת שמים פאלט ארויס נאך א ביסל פון די פאה[ב].

**רבינו:** דער **סאטמארער רב** איז יא געגאנגען מיט לאנגע פיאות.

**א' הנוכחים:** ווייל דער **קדושת יום טוב** האט אים קיינמאל נישט געזאגט, אז ער זאל עס אראפנעמען. אבער ווען מען איז אדורך, האט ער יא געזאגט פאר די קינדער און בחורים, אז מען זאל אראפנעמען די לאנגע פיאות.

*

***יום חמישי פרשת שופטים***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** שם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם וויטריאל** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לרגל השמחה, והאציל מברכותיו לבני המשפחה.

*

***שבת קודש פרשת שופטים***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** הסעודה בבית המדרש, ביחד עם תלמידי ישיבתנו הק'. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי משה מרדכי שליט"א**.

כשעה וחצי אחר זמן מוצאי שבת ערך **רבינו שליט"א** סעודת מלוה מלכה בבית המדרש. **רבינו שליט"א** כיבד את הר"ר **אליעזר מרדכי שווארץ** הי"ו לשור הפיוט אליהו

---

[א] **בשו"ת ולאשר אמר** (בהקדמת המו"ל כ"ק הגה"צ אב"ד סאמבאטהעלי זצ"ל) מובא, שסיפר **הגה"ק מסערדאהעלי זצוק"ל** שכשהיה בשינאווא היה לו פיאות ארוכות, וקראו **הרה"ק משינאווא זצ"ל** ואחז בב' פיאותיו מצד זה ומצד זה, וסבבם בידיו הק' עד סוף הפנים באמצע תחת הפה, ואמר לו שרק עד שיעור הזה צריך להניחם שיגדלו והשאר תוכל לשרפם אפברענען. ועיין **בדרכי תשובה** יו"ד סי' קפ"א ס"ק ט"ו, **ובחומש היכל הברכה** פ' קדושים באוצר החיים דף קע"ז.

[ב] בספר **אדמו"י בעלזא** (ח"ג עמ' כ') מובא, שכשהגיע מרן **הרה"ק רבי ישכר דוב מבעלזא זצוק"ל** לטשערנאביל כשפיאותיו הארוכות משתלשלות ויורדות על צדעיו כפי שנהגו בבעלזא, ראו בזה חסידי המקום פגיעה ברבם הקדוש. פעם שם **רבי אהרן מטשערנאביל זי"ע** ידיו הק' על אחת מפיאותיו של מרן, ואמר לו 'בערעלע למה לך פיאות ארוכות כל כך', מאז לא צמח לו שערות ארוכות בפאה הזאת שנגע רבי אהרן, והיתה לו פאה אחת ארוכה ואחת קצרה. כעבור זמן אמר לו רבי אהרן, שלירא שמים נושרות השערות של הפאות מאליהן, מאז לא גדלו עוד שערות פאותיו של מרן, והיו לו פאות קצרות כשיעור שהיה מקובל בטשערנאביל ע"כ.

הנביא. **רבינו שליט"א** סיפר סיפורי צדיקים מאת **הרה"ק רבי שלום מבעלזא זי"ע** (מתוך הספר מפיהם ומפי כתבם). בברכת המזון נתכבד הר"ר **שמואל דוד פישער** הי"ו.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

אחר פטירת **הרבי מלובלין זי"ע** נסע **הרה"ק מבעלזא זי"ע להמגיד מקאזניץ זי"ע**, והמגיד נתן לו סמיכה להיות רבי. ואמר המגיד, 'אז עס איז כאמארנע (יום מעונן) מאכט מען פרי שבת'. היינו אם רואים בערב שבת שחושך בחוץ, מדליקים נרות אף קודם הזמן. וכוונתו היתה שלכן נותן לו סמיכה אף שהוא צעיר לימים, לפי שהעולם צריכים לו.

**וביאר רבינו:** אמאל האט מען נאר מסמיך געווען א צדיק בשעת ער איז געווען אויף דער עלטער. די חסידים זענען געווען דערהויבענע יודען, און ווען מען האט געדארפט האבען א רבי, האט מען געדארפט א רבי וואס איז העכער פון די חסידים. איז ממילא האט מען נאר מסמיך געווען א צדיק אויף די עלטערע יארן, אז ער זאל אנהייבען צו פירן אן עדה. אבער די שפעטערדיגע דורות, ווען די וועלט איז שוין פארכאמארנע, דארף מען שוין נישט האבען אזעלכע גרויסע צדיקים, ווייל די חסידים אליין זענען נישט אזעלכע גרויסע חסידים, קען מען אים שוין מאכן פאר א רבי אפילו ווען ער איז נאר יונג.

**מען** זאגט נאך פונעם **גערער רבי**, דער **בית ישראל**, אז ער האט געזאגט, אז חסידים ווילן זיי זיין אזוי ווי די היינטיגע, און רבי'ס ווילן זיי האבען אזוי ווי די אמאליגע. אבער עס גייט נישט. ווען עס איז געווען אמאליגע חסידים, האבען זיי געדארפט האבען אמאליגע רבי'ס, און היינטיגע חסידים דארפן האבען אזוי ווי די היינטיגע רבי'ס.

**עס** איז כדאי אריינצוקוקן אינעם בריוו וואס איז געדרוקט אין סוף פונעם **נועם אלימלך**, פון זיין זון רבי אלעזר. אז בימיו, אין די צייטן פונעם **רבי ר' אלימלך זי"ע**, האט מען זיך שוין אפגערעדט אז די צדיקים זענען שוין נישט די זעלבע ווי וואס עס איז געווען אין די פריערדיגע דורות, און מען האט אנגעהויבן מפקפק צו זיין צו גיין צו צדיקים. ברענגט ער צו, אז זיין טאטע דער **רבי ר' אלימלך** האט געזאגט, אז אין יעדן דור איז אזוי, אז בשעת מען האט די צדיקים איז מען זיי נישט מחשיב, נאר שפעטער ווען זיי זענען שוין נישטא, דעמאלטס ווערט מען געוואר וואס פארא צדיקים מען האבען געהאט. און ער האט אים געזאגט, גלייב מיר, אז אין די צייטן פונעם **אר"י הק'** האט מען אויך נישט געהאלטן פונעם **אר"י הק'**, ער האט געהאט מתנגדים אויף זיך, און שפעטער ווען ער איז נסתלק געווארן, האט מען געזעהן וואס מען האט פארלוירן.

**און** ער ברענגט צו, אז דער פאטער דער **רבי ר' אלימלך** פלעגט צו זאגען, דור לדור ישבח מעשיך (תהלים קמה-ד), אינעם זעלבן דור אליין איז מען נישט משבח די צדיקים, וואס זיי זענען די מעשים פונעם אייבערשטען (עיין כתובות ה.), נאר דור לדור, דער דור שפעטער, איז משבח די מעשים פונעם פריערדיגען דור.

*

פעם אחת כאשר נכנס **הרה"ק מבעלזא זי"ע** לחדר המגיד היה אז בחדר חולה ששתי לחייו היו נפוחות מאוד, שבא להזכיר עצמו לפני המגיד לרפואה. אחז המגיד את ידיו של **הרה"ק מבעלזא**, וקינח בהן את פיו של האיש ההוא, והניפוח נתרפא תיכף. ומאז קיבל **הרה"ק מבעלזא** כח נפלא לרפאות חולים במשמוש ידיו, שבכל מקום שנגע בידיו נתרפא תיכף.

**והוסיף רבינו:** מען ברענגט צו אין פריערדיגע ספרים א רמז דערויף, אז אינעם קאפיטל פון הודו (תהלים קז), רעכנט מען אויס די אלע וואס זענען צריכין להודות, וואס דארפן דאנקען דעם אייבערשטען. און א חולה שנתרפא איז אויך אויסגערעכנט דארט, און אין פסוק שטייט, 'ישלח דברו וירפאם', דער אייבערשטער שיקט זיינע רייד, און ער טוט זיי היילן, 'וימלט משחיתותם' (שם קז-כ). י'שלח ד'ברו ו'ירפאם, איז די ראשי תיבות יד"ו, עס איז דא אמאל וואס א צדיק האט א כח אז מיט זייע הענט וואס ער לייגט ארויף, נעמט ער אוועק די מחלה.

**מען** זאגט נאך פון א צווייטען צדיק, אז דאס איז איין סארט צדיק, און עס איז דא צדיקים וואס טוען היילן במחשבה, זיי זענען מתפלל אויף

יענעם, און מיט דעם טוען זיי היילן. ישל'ח דבר'ו וירפא'ם איז די סופי תיבות מו"ח. די ראשי תיבות איז 'ידו', און די סופי תיבות 'מוח'. ווייל עס איז דא צוויי ערליי צדיקים, איינער היילט מיט זיין האנט, און איינער היילט מיטן מוח.

*

בכפר אחד סמוך לבעלזא היה איש צעיר, תלמיד חכם גדול, וחתן הגביר שבמקום, והחסידים רצו שיסע אתם לבעלזא, ואחר הפצרה גדולה הסכים ליסע אתם, ונסעו על פרשת בהעלותך. על הדרך עמדו בקרעטשמע, וכשרצה היונגערמאן לעלות בחזרה על העגלה נקרע מלבושו העליון. והיה לכולם צער גדול, כי היה חתן הגביר, והיה בוש לילך בבגד קרוע, והלכו לחפש איזה חייט בהכפר והוא תפר לו את הקרע, אבל עדיין היה ניכר מקום הקרע. ובדרך נסעם דיברו מהקרע, ואמרו שכפי הנראה אם נתהוה איזה קרע, אז אף שמתקנים אותו אי אפשר לתקנו כל כך שלא ישאר ממנו שום רושם ופגם. וכוונתם היה שכן הוא בעניני רוחניות, שאם עושים עבירה אף שמתקנים אותה אחר זה בתשובה, מכל מקום אי אפשר לתקן כל כך שלא ישאר איזה פגם אף לאחר התיקון.

בליל שבת קודש אמר **הרה"ק מבעלזא** דברי תורה על הפסוק (במדבר ח-ב) בהעלותך את הנרות, שכתוב ג' פעמים 'נרות'. בפעם הראשון חסר ו', בפעם השני מלא, ופעם השלישי חסר. ואמר, אהרן הכהן היה עבודתו להעלות ולתקן את נפשות בני ישראל החטאים בנפשותם, וכן לכל צדיק ומנהיג הדור. ומזהרת התורה הק' שאם יתקן את נשמת ישראל החטאים, יתקנם באופן כזה שלא ישאר ממנו אחר כך שום רושם ופגם מהחטא אשר חטאו. וזהו בהעלותך את הנרות כתיב חסר, היינו בהעלותו את נשמות ישראל החסרים, אז אל מול פני המנורה יאירו שבעת הנרות, יהיו הנרות נשמות ישראל מלא, היינו שיעלם לתשובה. ויעש כן אהרן וכו', להגיד שבחו של אהרן שלא שינה, שתיקן חטאי בני ישראל באופן כזה שיצא האיש החוטא תמים לה', שלא נשאר בהם שום שמץ ופגם החטא כמו ממש קודם העשיה ודפח"ח. וזה לא כמו שדיברו החסידים ביניהם.

**והסביר** רבינו: דער **בעלזער רב** האט געזאגט אנדערש פון וואס זיי האבען געזאגט, זיי האבען געזאגט אז טאמער עס ווערט א ריס קען מען עס נאכדעם נישט מתקן זיין. און דער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז א צדיק איז מתקן אזוי ווייט אז אפילו עס איז דא א ריס, קען מען עס משלים זיין אז מען זאל עס נישט דערקענען.

**זעהט** אויס אז בײדע זענען אמת, א פשוטער שניידער קען טאקע נישט פאררעכטען א ריס, נאר עס דערקענט זיך עפעס. אבער ווען איינער איז גאר א גוטער שניידער, דער קען פאררעכטען אז מען זאל עס נישט דערקענען. געוועגליך ווען עס איז דא א ריס, בלייבט נאכדעם א פגם, אבער אהרן הכהן, און די וואס זענען דומה צו אהרן הכהן, זיי האבען געהאט דעם כח אז זיי האבען געקענט מתקן זיין, אז עס איז נישט געבליבען קיין רושם פונעם חטא.

*

אחד מחסידי **הרה"ק מבעלזא** היה צריך להשיא אחד מבני ביתו, והלך על פני העיירות וקיבץ על יד פרוטה לפרוטה, וכאשר גמר לקבץ היה בפרוס חג השבועות, ונסע לבעלזא להסתופף בצל רבו **הרה"ק מבעלזא**. בהגיעו לבית האכסניא חלץ מלבושו העליון והלך לקבל פני **הרה"ק מבעלזא**, ובכיס מלבוש העליון היה כל מעותיו, וכשחזר להאכסניא מצאו ריק וצערו היה גדול מאוד, וסיפר **להרה"ק מבעלזא**. **והרה"ק מבעלזא** קרא לאחד מחסידיו ואמר לו, הנני מטיל עליך שתעשה כל מה שבכוחך להוודע מיהו הגנב. והחסיד נתן מבטו על אחד משם, והלה כיחש מכל וכל (כי באמת לא היה הגנב), והחסיד אמר לו שנותן לו זמן ג' ימים שיודה על הגניבה, ואם לאו ינקוט צעדים נגדו, ולא יסיים בכי טוב.

הלה לא ידע לאן לפנות, עד שבתוך כך הגיע רבי אחד להסתופף גם כן בצל **הרה"ק מבעלזא** על חג השבועות, והיות שהרבי שהיה זקן לא היה לו מי שישמשו (כי לא רצה לבוא עם משמש), על כן התחיל האברך הנחשד לשמשו, ולפני שעברו השלשה ימים המיועדים, נכנס הנחשד אל הרבי בחדרו המיוחד, ואת הדלת סגר אחריו, ואמר הלא שמעתם שזה זמן לא כבר היה פה בעירנו גניבה, אם תגלו לי מיהו הגנב הזה טוב, ואם לאו אינני פותח לכם פתח הבית. שאלו הרבי אם יוכל להבטיח לו שאם יגלה לו מיהו הגנב לא יגלה לשום אחד מהיכן יודע זאת, הבטיח לו המשמש, וגילה לו הרבי מיהו הגנב. חזר המשמש

להחסיד ואמר לו מיהו הגנב. שאל לו מהיכן אתה יודע, אמר המשמש אי אפשר לי להגיד לך. החסיד ניגש אל החשוד, ואחר דין ודברים הודה לו על הגניבה.

אחר כל אלה סיפר החסיד **להרה"ק מבעלזא** איך שנמצא הגניבה, שלח **הרה"ק מבעלזא** אחר המשמש, ושאל אותו מהיכן ידעת מיהו הגנב, ולא רצה המשמש לגלות, שהרי הבטיח שלא יגלה, אמר לו **הרה"ק מבעלזא** ההבטחה אני מקבל עלי ואתה תאמר לי, וכן עשה. שלח **הרה"ק מבעלזא** אחר הרבי ההוא, ושאל אותו מהיכן ידעת מיהו הגנב. אמר הרבי, כי כשבאתי לקבל פניכם לראשונה היה אז שם הגנב בקוויטל אצליכם, ומכיון שאני יכול לקרות פתקא הכרתי שהוא הגנב. אמר לו **הרה"ק מבעלזא**, 'קודם שישבתי על הכסא (לנהוג העדה) ידעתי וראיתי הכל, אמנם אם רואין הכל, קשה מאוד לעשות טובה ליהודי, על כן בקשתי מהשי"ת שיטול מדריגה זו ממני'.

**ואמר רבינו:** די מוסר השכל וואס איז דא דערין, אז דער ערשטער **בעלזער רב** האט געזאגט, אז ער האט געהאט די מדריגה אז ער האט געקענט זעהן אז יענער האט געטון א זאך וואס מען דארף נישט, און ער האט געבעטן אז מען זאל עס אים צונעמען, איז א סימן אז מען דארף נישט אייביג וויסען ווען איינער טוט א זאך וואס איז נישט ריכטיג. א טאטע דארף נישט אייביג וויסען, אז א קינד טוט א זאך וואס איז נישט ריכטיג. א רב דארף נישט וויסען, ווען עס איז דא א זאך וואס מען טוט נישט ריכטיג. ווען מען קען מוסר זאגען, און מען קען אויפטון, איז איין זאך. אבער טאמער עס איז נישט נוגע אז מען זאל קענען יענעם מוכיח זיין, קוקט מען נאכדעם אראפ יענעם, און אז מען קוקט יענעם אראפ, האט מען נישט נאכדעם די זעלבע השפעה וואס מען קען האבען. מען זעהט אז יצחק האט נישט געוואוסט ווער עשו איז, דער אייבערשטער האט עס צוגענומען פון אים. מען דארף נישט אלץ וויסען. עס איז נישט קיין חכמה אז א טאטע ווייסט אלע שלעכטס וואס טוט זיך ביי א קינד. ווייל נאכדעם שעצט ער אים נישט, און ער קוקט אים אראפ. אבער ווילאנג מען ווייסט נישט, אזוי לאנג טוט מען יענעם שעצן.